און איך וועל זיין צו אים פֿאַר אַ ג-ט, און ער וועט
8 זיין צו מיר אַ זון. די שרעקעוודיקע אָבער און
אומגלויביקע און אומווירדיקע און רוצחים און
זונים און מכשפֿים און געצנדינער און אַלע ליגנער,
זייער חלק וועט זיין אין דעם טייך, וואָס ברענט מיט
פֿייער און שוועבל; דאָס איז דער צווייטער טויט!
9 און עס איז געקומען איינער פֿון די זיבן מלאכים,
וועלכע האָבן געהאַט די זיבן געפֿעסן, וואָס זענען
געווען אָנגעפֿילט מיט די זיבן לעצטע מכּות, און
האָט גערעדט מיט מיר, אַזוי צו זאָגן: קום, איך
10 וועל דיר ווייזן די כּלה, דעם לעמעלעס ווייב. און
האָט מיך אַוועקגעפֿירט אינעם גייסט אויף אַ גרויסן
און הויכן באַרג, און מיר געוויזן די הייליקע שטאָט
11 ירושלים, אַראָפּנידערן אויס דעם הימל פֿון ג-ט,
האָבנדיק ג-טס חן; איר ליכט איז געווען גלייך
צום טייערסטן שטיין, ווי אַ יאַספּיס שטיין,
12 לויטער קריסטאַל; האָבנדיק אַ גרויסע און הויכע
מויער, מיט צוועלף טויערן, און אויף די טויערן
צוועלף מלאכים; און נעמען זענען געווען אויפֿ-
געשריבן, וואָס זענען די נעמען פֿון די צוועלף
13 שבֿטים פֿון די קינדער ישׂראל; פֿון מזרח-זייט דריי
טויערן, און פֿון צפֿון-זייט דריי טויערן, און פֿון
דרום-זייט דריי טויערן, און פֿון מערבֿ-זייט דריי
14 טויערן. און די מויער פֿון דער שטאָט האָט צוועלף
פֿונדאַמענטן, און אויף זיי זענען די צוועלף
נעמען פֿון די צוועלף שליחים פֿון דעם לעמעלע.
15 און דער, וואָס האָט מיט מיר גערעדט, האָט
געהאַט אַ מאָסשטאָב, אַ גאָלדענעם שטעקן, כּדי
צו מעסטן די שטאָט און אירע טויערן און איר
16 מויער. און די שטאָט ליגט פֿירעקיק, און איר לענג
איז אַזוי פֿיל ווי איר ברייט; און ער האָט געמאָסטן